**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 30 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין דרום טיילקאמיוניטיס אלס טייל פון שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY FORWARD פראגראמען**

***19 מיליאן דאלער צו פינאנצירן פראיעקטן אין דזשאנסאן סיטי, מאנטאור פאלס און וועיווערלי***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט זענען פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סך הכל פון 30 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר די דורם טייל ראיאן אלס טייל פון צווויי עקאנאמישע דעוועלאפמענט פראגראמען:די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward. פופצן פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די ווילעדזש פון דזשאנסאן סיטי, די רונדע 6 געווינער פון א 10 מיליאן דאלערדיגע DRI געלט באלוינונג; זעקס פראיקעטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די ווילעדזש מאנטאור פאלס, א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מילאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג; און ניין פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די ווילעדזש פון וועיווערלי, אויך א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מיליאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג.

"די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראמען שטעלן צו וויכטיגע שטיצע פאר ניו יארק'ס שטאט צענטערן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער פאר די דרום טייל וועט העלפן קאמיוניטיס אויספירן זייערע פלענער צו בעסער מאכן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער, ציען באזוכער, און ארויפטרייבן עקאנאמישע געלעגנהייטן אין זייערע שטאט צענטערן, העלפנדיג די קומענדיגע דור פון ניו יארקער מצליח זיין."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (DRI)**
דזשאנסאן סיטי איז פראקלאמירט געווארן אלס דער דרום טייל'ס געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט צענטער איניציאטיוו אין 2023. די 15 פראיעקטן אויסגעוועלט זוכן צו אנהאלטן און צוריקשטעלן היסטארישע אסעטס, עפענען נייע האוזינג געלעגנהייטן פאר איינוואוינער, און ווייטער אנטוויקלען די אייגנארטיגע געפיל פון פלאץ אין שטאט-צענטער דזשאנסאן סיטי.

נייע אינוועסטירונג צוזאמען מיט פארגאנגענע אינוועסטירונגען וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע פלאץ צו קענען אויפלעבן און גיבן נייע נוצן פאר היסטארישע געביידעס אין די שטאט צענטער און צו ארייננבויען נאך געביידעס אין צווישן די שטייענדע געביידעס צו גיבן וואוינונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען.

די DRI אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו צוריק אויפלעבן די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן דורכאויס דעם דרום טייל ראיאן. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי

אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצירט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראטעגיעס וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, ווי צוםביישפיל דאס פארשטערקערן די שטאט'ס אייגנארטיגע געפיהל מיט אן אמת'ע, אויטענטישע ערפארונג וואס וועט אויפטרייבן צוקונפטיגע וואוקס פון זיך אליין און שטיצן אנטוויקלונג וואס נעמט יעדן אריין בשעת'ן ארומנעמען איר שטארקע הערטעדזש און אפשטאמיגע פארשידנארטיגקייט.

דזשאנסאן סיטי שליסט זיך איין אין די קאמיוניטיס עלמירע, וואטקינס גלען, אוועגא, הארנעל, ענדיקאט, און נארוויטש, וועלכע זענען געווען די דרום טייל'ס פריערדיגע געווינער פון די DRI פראגראם.

די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

**די 15 DRI פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 9.7 מיליאן, רעכענען אריין:**

- **אויפבויען א נייע געמישטע-איינקונפט אפארטמענט געביידע אויף 333 גרענד אוועניו ($1,000,000)**
- אויפבויען א נייע געביידע מיט 72 דירות פאר צוגענגליכע פרייזן אינאיינעם מיט א קינדער'ס דעיקעיר צענטער.
- **אויסצאלן קלענערע פראיעקטן ($500,000)**
- די ווילעדזש וועט אוועקשטעלן א געביידע איבערבוי פראגראם צו צושטעלן צוגעפאסטע געלטער פאר אינדיווידועלע שטאט-צענטער געביידעס צו בעסער מאכן די אויסזען, אינסטאלירן נייע שילדן, און אונטערנעמען אינערוויייניגע איבערבויאונגען.
- **שענער מאכן פארקס און פובליק פלעצער ($1,215,000)**
- פובליק פארקס און אפענע פלעצער פארבעסערונגען נעמען אריין אינסטאלירונגען אין דזשעניסאן פארק, קונצווערק אויפ'ן גאס, וועג-געפונען, און דאס פארענדיגונג פון די EJ טעמע פארק.
- **בעסער מאכן שטאט-צענטער גאסן און דורכגענג ($2,561,000)**
- פארבעסערן גאס-סצענע און פיסגייער-פריינטליכקייט פון מעין סטעיט, ארטש סטריט, בראוד סטריט, קארליס אוועניו, אוועניוס B און C, און ווילאו סטריט.
- **איבערטוישן געוועזענע הויך שולע אויף מעין סטריט צו א געמישטע-באנוץ געביידע ($1,150,000)**
- איבערטוישן 70,000 סקווער פיס פון אן עקזיסטירנדע היסטארישע הויך שולע צו 62 דירות מיט צוקונפטיגע קאמערשעל באנוצן.
- **צוריקשטעלן געמישטע-באנוץ געביידע אויף 214 מעין סטריט ($450,000)**
- איבערבויען א 7,200-סקווער-פיסיגע, צוויי-שטאקיגע געמישטע-באנוץ געביידע.
- **איבערארבעטן ווילבראו אלי צו ווערן א פובליק פלאץ פאר פיסגייער ($652,000)**
- איבערמאכן ווילבראו אלי צו מאכן א לעבהאפטיגע פובליק פלאץ אינעם שטאט-צענטער אריינצורעכענען נייע לעקטער, גאס, גראז, און פובליק קונצווערק.
- **אפדעיט'ן מאמעס און בעיביס פערינעיטעל נעטווארק פון דרום צענטראל ניו יארק, אינק. (Mothers and Babies Perinatal Network of South Central New York, Inc.) אויף 346 גרענד אוועניו ($142,000)**
- ערזעצונג פון עקזיסטירנדע HVAC סיסטעם אויף 346 גרענד אוועניו צו פארענדיגן בוי-ארבעט אויף עקזיסטירנדע געביידע.

- **איבערמאכן געמישטע-באנוץ געביידע אויף 15 אוועניו B ($250,000)**
- איבערמאכן אן עקזיסטירנדע היסטארישע געביידע צו אריינגעמען זעקס דירות ווי אויך קאמערשעל עלעמענטן.
- **צוריק אויפלעבן די 'העלפן פייערן מעגליכקייטן' (Helping Celebrate Abilities, HCA) נאן-פראפיט געביידע ($750,000)**
- צוריק אויפלעבן די 'העלפן פייערן מעגליכקייטן' געביידע אריינגערעכנט א נייע דאך, א נייע שפיל-פלאץ אויבערפלאך, א נייע פארקינג אויבערפלאך, איבערמאכן די פלאמבינג, פארריכטן שטורעם וואסער אפלויף, און אויך פארבעסערונגען אויף די דרויסנדיגע טייל פון די געביידע.
- **צוריק אויפלעבן ביזנעס געביידע אויף 240 מעין סטריט ($150,000)**
- איבערבויען איבער 13,000 סקווער פיס אריינגערעכנט געשעפט, שילדן, דאך און אפלויף, טרעפן, און אנדערע אינערווייניגע פארבעסערונגען צו בעסער מאכן די אנהאלטונג און ערפארונג פון קונדן.
- **אויסברייטערן עקזיסטירנדע ביר-פראדוצירונג געביידעס אויף 135 באלדווין ($300,000)**
- אויסברייטערונג פונעם ביר-פראדוצירונג געביידעס צו גרעסער מאכן פראדוקציע, קאמיוניטי זאמלונג, און פארשטעלונג ערטער.
- **צוריקשטעלן געמישטע-באנוץ געביידע אויף 254 מעין סטריט ($100,000)**
- דרויסנדע און אינערווייניגע פארבעסערונגען פאר אן עקזיסטירנדע געמישטע-באנוץ מעי סטריט געביידע.
- **ווידער אויפלעבן IBEW נאן-פראפיט אפיסעס אויף 271 מעין סטריט ($105,000)**
- איבערבויען עקזיסטירנדע סטרוקטור גענוצט דורך IBEW לאקאל 10 צו אריינגעמען א נייע געשעפט, שילדן, לעקטער, פענסטערס, טירן, און דרויסנדיגע ווענט.
- **איבערמאכן געמישטע-באנוץ געביידע אויף 20 ווילאו סטריט ($375,000)**
- איבערבויען און בעסער מאכן די געביידע פון דרויסן און פון אינערווייניג צו אנטוויקלען פארשידענע אפיס ערטער פאר לאקאלע ביזנעסער.

**NY Forward**

ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע "אומר ועושה" סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. NY Forward אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו צוריק אויפלעבן די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן דורכאויס דעם דרום טייל ראיאן.

<u>**די 9 וועיווערלי NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**</u>

- **פארבעסערן דאס שפאצירונג און באקוועמליכקייט אויף בראוד סטריט דורך פארבעסערן די גאס-סצענעס ($960,000)**
- צושטעלן פיזישע גאס-סצענע פארבעסערונגען אויף בראוד סטריט אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו בעסער קראסוואלקס, נייע סיידוואלקס, פיסגייער-הויכקייט לעקטער אויפ'ן גאס מיט ארעמעס צו קענען הענגען פאנען אדער פלאנצונגען, הויכע קורבס, שילדן, גראז, גאסביימער, בענק און בעסערע פארקינג און אפענע ערטער.
- **איבערמאכן איסט וועיווערלי פארק ($1,196,000)**
- מאכן א פאמיליע און יוגנטליכע פאקוסירטע פארוויילונגס געביידע מיט נייע פיקל באל פעלדער, א ספלעש וואסערל, וועגן צו שפאצירן, פלעצער צו כאפן פיש, גראז צו שפילן באל, א באסקעטבאל קאורט, שפיל-פלאץ, נייע פארקינג פלאץ, און איבערמאכן די עקזיסטירנדע טוילעט און קאך.
- **אויפשטעלן וועיווערלי וואסער-פראנט צוטריט און וועגן ($795,000)**

- מאכן א נייע פארק אויפ'ן לאנד צוזייטנס פון די שעמאנג ריווער וואס וועט מוטיגן פעדלינג, שיפלען, פישכאפן, שפאצירן און רואיגע פארוויילונג אין די ווילעדזש פון וועיווערלי.
- **איבערבויען סאפראנא'ס מארק און בויען א דרויסנדיגע פלאץ צו זיצן ($420,000)**
- אפגרעיד'ען די אוועקגעשטעלטע סאפראנא'ס מארק מיט א נייע ערד אינדרויסן, נאך לעקטער אויפ'ן ארט, נייע דרויסנדיגע ווענט סיידינג און אינסטאלאציע, ערזעצן די דאך, און איבערמאכן די פארקינג לאט.
- **אפגרעיד'ען היסטארישע געביידע און מאכן העכערע-שטאפל האוזינג איבער אן אוועקגעשטעלטע ספארטס באר ($156,000)**
- בויען נייע גענצליך-אויסשטאפירטע דירות אויף די ליידיגע אויבערשטע שטאקן פון א היסטארישע געביידע אויף בראוד סטריט וואס פארמאגט אויך אן אוועקגעשטעלטע ספארטס באר און מאכן א דרויסנדיגע באלקאן אויף די הונטערשטע זייט פונעם געביידע צו גענוצט ווערן דורך איינוואוינער.
- **איבערטוישן א וויקטאריען הויז צו א מערערע-באנוצן וואוינונגס און קאמערשעל פלאץ ($300,000)**
- ענדיגן די לעצטע פאזעס פון איבערווישן א היסטארישע וויקטאריען הויז און דערנעבנדע ליידיגע פלאץ צו ווערן א געמישטע באנוץ געביידע מיט קאמערשעל פלאץ, אויבערשטע שטאק דירות, און גרינע פלאץ פאר דרויסנדיגע צוזאמקומען.
- **אויפבויען א מערערע-באנוצן קאמערשעל געביידע אין שטאט-צענטער וועיווערלי ($317,000)**
- אויפבויען א נייע געמישטע-באנוץ קאמערשעל פלאץ אויף קאיוטע אוועניו צו פארמאגן א קאווע הויז, אפיסעס, געשעפט, און קאנפערענץ צימער צו פארדינגען.
- **בעסער מאכן איבונגען צענטער אויף בראוד סטריט ($156,000)**
- העכער מאכן די דאך פון אינערווייניג ביי אן אוועקגעשטעלטע איבונגען צענטער אויף בראוד סטריט צו ערלויבן פאר בעסערע לופט צורקילירונג אינעם דזשים און אנדערע פארבעסערונגען, אריינגערעכנט נייע גלאזענע טירן און פענסטערס און נייע אפלויף רערן אויפ'ן ארט צו פארמיידן אייז פאראורזאכט דורך פארפלייצונג אויפ'ן ארט.
- **אנטוויקלען א קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן לאקאלע ביזנעסער ($200,000)**
- איינפירן א נייע גרענט פאנד פאר קליינע פראיעקטן אין די NY Forward גרעניץ וואס וועט שטיצן געביידע איבערבויען, דרויסנדיגע ווענט, אינערליכע בוי-ארבעט, פערמענאנטע אפאראטן, באלקאן דעכער, און שילדן.

<u>**די 6 מאנטאור פאלס NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**</u>

- **פארבעסערן דאס שפאצירונג און באקוועמליכקייט אויף מעין סטריט דורך פארבעסערן די גאס-סצענעס ($971,000)**
- פארבעסערן שפאצירונג און באקוועמליכקייט פאר פיסגייער לענגאויס מעין סטריט מיט בעסערע קראסוואלקס, ADA-גילטיגע קורב גליטשערס, העכערע קורבס און סיידוואלק פארלענגערונגען, גאס ביימער, גרינע אינפראסטרוקטור, בענק, שילדן, פובליק קונצווערק אינסטאלאציעס, און דורכגענג טויערן.
- **בויען טאונהייזער אויף ליידיגע פלאץ אין שטאט-צענטער מאנטאור פאלס ($916,000)**
- בויען נייע טאונהייזער אויף א ליידיגע פלאץ פון לאנד אויף נארט דזשענעסי סטריט. די טאונהייזער וועלן זיין צו פארדינגען לאנג-טערמיניג אינעם הארץ פון שטאט-צענטער מאנטאור פאלס.
- **בויען א נייע ציי דאקטער אפיס און דירות אופי קאטארין סטריט ($685,000)**

- בויען א נייע געביידע אויף ליידיגע פלאץ וואס וועט פארמאגן אן אוועקגעשטעלטע ציין דאקטער פראקטיס, פלאץ פאר א קאמערשעל ביזנעס, און נייע לאנג-טערמיניגע דירות אויף קאטארין סטריט. די געביידע וועט אויך פארמאגן פלאץ צו אויסברייטערן די ציין דאקטער פראקטיס.
- **אנהאלטן די היסטארישע בריק טאווערן מוזעאם און איינפירן צוגענגליכקייט פארבעסערונגען ($792,000)**
- אנהאלטן די היסטארישע בריק טאווערן מוזעאם דורך אינערוויינינגע און דרויסנדיגע פארבעסערונגען און א געביידע אויסברייטערונג צו צושטעלן א פלאץ וואס איז געאייגנט צו אנהאלטן די מוזעאם ארטיפאקטן און וואס וועט פארזיכערן צוגענגליכקייט פאר אלע באזוכער.
- **אנטוויקלען א קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן לאקאלע ביזנעסער ($200,000)**
- איינפירן א נייע גרענט פאנד פאר קליינע פראיעקטן אין די NY Forward גרעניץ וואס וועט שטיצן געביידע איבערבויען, דרויסנדיגע ווענט, אינערליכע בוי-ארבעט, פערמענאנטע אפאראטן, באלקאן דעכער, און שילדן.
- **בעסער מאכן גאס לעקטער אויף נארט קאטארין סטריט ($936,000)**
- אפגרעיד'ען עקזיסטירנדע גאס לעקטער אויף קאטארין סטריט צו אריינגעמען אינפיל פיסגייער-הויכקייט לעקטער צו מאכן מער א באקוועמע ענווייראמענט פאר פיסגייער ביינאכט.

**עקטנג ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ברענדאן סי. יוגעס האט געזאגט,** "די 30 פראיעקטן, וועלכע לייגט געוויכט אויף פאקטארן אזוויי שפאצירונג, נאך הייזער, שענערע גאס-סצענעס און איבערמאכן אלטע געביידעס צו ווערן לעבהאפטיגע געמישטע-באנוץ איינריכטונגען, זענען די פערפעקט צוזאמשטעל פאר צוריק אויפלעבן יעדע שטעט צענטער. מזל טוב צו אונזער דרום טייל ראיאן קאמיוניטיס פאר זיך צוזאמען נעמען און אויספלאנירן א פלאן פאר'ן צוקונפט. די סטעיט דעפארטמענט קוקט פאראויס צו ארבעטן צוזאמען מיט אייך און מיר דאנקען גאווערנער קעטי האקול פאר איר ווייטערדיגע שטיצע פון די צוויי פראגראמען."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "די דיינאמישע, קאמיוניטי-אנגעפירטע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward אינוועסטירונגען וועלן ווייטער טרייבן די עקאנאמישע מאטארן וואס מען דארף צו שטיצן לאקאלע ביזנעסער און פארשטערקערן עקאנאמישע וואוקס. די טראנספארמאטיווע און איינשליסליכע פלענער וועלן אריינבלאזן נייע לעבן אין דזשאנסאן סיטי, מאנטאור פאלס און וועיווערלי קאמיוניטיס, שאפנדיג דיינאמישע ערטער און פלאצער וועלכע וועלן ברענגען בענעפיטן פאר סיי יעצטיגע און צוקונפטיגע דורות פון איינוואוינער."

**HCR קאמישאנער רוט-ענן וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די היינטיגע אינוועסטירונגען אין דזשאנסאן סיטי, מאנטאור פאלס, און וועיווערלי זעצן פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward'ס היסטאריע פון האבן א טראנספארמאטיווע אפעקט אויף קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק. דורך אינוועסטירן אין די 30 פראיעקטן, וועלכע נעמען אריין שאפן 140 נייע דירות אין דזשאנסאן סיטי, וועלן מיר הייבן האוזינג סופליי, פארבעסערן שפאצירונג, און שענער מאכן קאמיוניטי אינטערעסן אין די אלע דריי קאמיוניטיס. א דאנק גאווערנאר האקול פאר איר נאכאנאנדע איבערגעגעבנקייט פאר געצילטע אינוועסטירונגען וועלכע שאפן געלעגנהייטן איבער גאנץ ניו יארק."

**דרום טייל ראיאנישע עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאונסעל קא-טשעיר עקזעקיוטיוו דירעקטאר, שיילער קאונטי פארטנערשיפ פאר עקאנאמישע דעוועלאפמענט ( Schuyler County Partnership for Economic Development, SCOPED), דזשודי מק-קיני-שערי האט געזאגט,** "די STREDC איז גאר שטאלץ צו פארזעצן אונזער שטיצע פאר דזשאנסאן סיטי, מאנטאור פאלס און וועיווערלי און זייער בליענדע צוקונפט א דאנק די גאווערנער'ס שטאט צענטער אויפלעבונג און NY Forward איניציאטיוון. די געצילטע, קאמיוניטי-געפירטע פראיעקטן וועלן בענעפיטירן איינוואוינער און

באזוכער צוגלייך, פארשפרייטנדיג עקאנאמישע וואוקס און שאפן מער לעבהאפטיגע שטאט צענטערן וואו מענטשן ווילן וואוינען, ארבעטן, און שפילן פאר נאך אסאך דורות."

**אסעמבלימיטגלידערין סאנא לופארדא האט געזאגט,** "די DRI און NY Forward איניציאטיוון געבן ריסאורסעס וועלכע פעלן אסאך מאל פאר אונזערע שטאט צענטערן. אלס א מיטגליד פון דער דורם טייל ראיאנישע עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאונסעל, ווייס איך ערשטהאנטיג די גוטס וואס קומט ארויס פון אינוועסטירונגען אזויווי דעם איבער די ראיאן. איך בין צופרידן צו זען די DRI פלענער וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן פאר די ווילעדזש פון דזשאנסאן סיטי. די לאנג ערווארטענע ארבעט וועט גיין צוזאמען מיט דעוועלאפמענטס וועלכע זענען שוין פארגעקומען דערנעבן, פון די צוריקגעשטעלטע וויקטארי בילדינג צו בינגהעמטאן אוניווערסיטעט'ס געזונטהייט און סייענס קאמפוס און UHS'ס נייע ווילסאן טאוער. איך וויל באדאנקען אלע וועלכע האבן געשפילט א ראלע אין העלפן דזשאנסאן סיטי ווידער אויספלאנירן איר שטאט צענטער."

**אסעמבלימיטגליד קריסטאפער פרענד האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו איבערגעבן מיין טיפע מזל טוב וואונטשן פאר וועיווערלי פאר'ן באקומען NY Forward געלטער. דאס באדייטנדע עררייכונג שפיגלט אפ די שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט פון אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער, לאקאלע פירערס, און שטיצער. די געלטער וועט נישט בלויז שטארקן אונזער לאקאלע עקאנאמיע דורך עס מאכן גרינגער פאר ביזנעסער צו בליען נאר עס וועט אויך בעסער מאכן די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע איינוואוינער דורך צושטעלן גאר שיינע הייניטיגע פארקס און אנהאלטן די היסטארישע שיינקייט. איך בין זיכער אז די פארבעסערונגען וועלן האבן אן אפעקט אויף די קאמיוניטי וואס וועט אנהאלטן א לאנגע צייט. א דאנק פאר אלע וועלכע האבן צוגעגעבן אז דאס זאל קענען פאסירן. צוזאמען, בויען מיר א שטערקערע, מער לעבהאפטיגע קאמיוניטי."

**בראום קאונטי עקזעקיוטיוו דזשעיסאן גארנאר האט געזאגט,** "אסאך פון די וואוקס וואס בראום קאונטי האט געזען אין די פארגאנגענע יארן האט פאסירט אין דזשאנסאן סיטי, און די פרייליכע פראיעקטן היינט אנאנסירט פאר זייער שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו וועט מאכן דזשאנסאן סיטי נאך א בעסערע פלאץ פאר פאמיליעס צו וואוינען, ארבעטן, און שפילן. א דאנק גאווערנער האקול, סענאטאר וועב, און אסעמבלימיטגלידערין לופארדא פאר'ן צושטעלן די קריטישע געלטער וואס מען דארף צו פארווירקליכן די פראיעקטן יעצט אין די הארץ פון בראום קאונטי."

**ווילעדזש פון דזשאנסאן סיטי מעיאר מארטין מיני האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר די ווייטערדיגע געלטער פון דאס זייער וויכטיגע און קריטישע פראגראם. מיר זענען גאר פרייליך און קענען קויםווארטן צו זען די איבערטויש פון אונזער שטאט צענטער יעצט אז די DRI פראיעקטן זענען געשאנקען געווארן. דזשאנסאן סיטי גייט שוין אריבער א צייט פון וואוקס און באנייאונג פאר די לעצטע שטיק צייט און די נויטיגע געלטער וועלן ערלויבן פאר די וואוקס און אויפלעבונג פארצוזעצן. מיר ווייסן אז אסאך פון די טראנספארמאטיווע פראיעקטן זענען געווען בלויז מושגים און חלומות וועלכע יעצט קענען פארווירקלט ווערן א דאנק די DRI."

**ווילעדזש פון מאנטאור פאלס מעיאר דזעימס רייען האט געזאגט,** "די טראנספארמאטיווע פראיעקטן באשטעטיגט דורך די לאקאלע פראיעקט קאמיטע און אונזער סטעיט מיטארבעטער וועלן יעצט ווייטער גיין צו די פראיעקט ספאנסארס וועלכע פירן איין זייער עקאנאמישע אנוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי, אויפבויענדיג דעם קומענדיגע דור."

**ווילעדזש פון וועיווערלי מעיאר אנדריו אראנסטאם האט געזאגט,** "וועיווערלי איז גאר איבערראשט און דאנקבאר פאר די ברייטע שטיצע וואס מיר באקומען פון ניו יארק סטעיט אין די פארעם פון 4.5 מיליאן דאלער. די געלט וועט גענוצט ווערן פאר פובליק און פריוואטע פראיעקטן וועלכע וועלן שטארק פארבעסערן די אינפראסטרוקטור און ביזנעס געלעגנהייטן אין וועיווערלי. די ניין פראיעקטן שטעלן פאר א

ריכטיגע מיטארבעט צווישן סטעיט און לאקאלע רעגירונג. אונזער טיפע דאנק גייט פאר גאווערנער האקול פאר די צייגונג פון איר שטיצע פאר קליינע פלעצער אין ניו יארק."

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward זענען צענטראלע עלעמענטן פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. NY Forward איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2022 צו אויפלעבן קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט—מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal), און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority)—איז די DRI און NY Forward א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג.ביידע פראגראמען שאפן א וויכטיגע שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס באךרייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטארקט קוואליטעט פון לעבן, פארשפרייט געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג, און עררייכט די סטעיט'ס שטארקע קלימאט צילן.

אין די ערשטע זיבן רונדעס פון די DRI האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אין די ערשטע צוויי רונדעס פון די NY Forward האט די סטעיט פארשפראכן 200 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 43 קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן.

מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג דאס יאר פון נאך 100 מיליאן דאלער באזונדער פאר די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward, האט די סטעיט יעצט אינוועסטירט א פאראייניגטע סומע פון 1.2 ביליאן דאלער אין ביידע פראגראמען זייט די אנהויב דערפון, סערווירנדיג 124 קאמיוניטיס אלעס צוזאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן